בס"ד

פרשת בחוקתי - תשפ"ב - גליון כ"ו

# טייערע אידן

דברי חיזוק ואמונה ע"י המשפיע הגה"ח ר' משה מנחם טויבענפעלד שליט"א

# בהשגחה פרטית האט ר' דוד כ"ץ ז"ל געטראפן דעם לאך און זיין רעטער דער פאסטוך

## דערמאנען יציאת מצרים יעדן טאג, כדי צו געדענקען אז נאר דער אויבערשטער פירט די וועלט און דער טבע!

עס שטייט אין ספר אורח לחיים בענין מצוות זכירת יציאת מצרים, אז באמת איז זכירת יציאת מצרים א מצוה וואס איז שייך און נוהג יעדן טאג. יעדן טאג דארף א איד געדענקען אז דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט, און ער פירט די וועלט בעליונים ובתחתונים ווי אזוי ער וויל. עס איז נישט דא קיין שום כח און פעולה טבעית וואס קען געטוהן ווערן אן דעם רצון השם. דורכן דערמאנען יציאת מצרים איז מען זוכה מאמין צו זיין אז אלעס גייט נאר לויטן רצון השם, ווייל ווען אידן זענען געווען אין מצרים איז נישט געווען מעגליך בדרך הטבע אז זיי זאלן זיך קענען ארויסזעהן פון מצרים צוליב די כשפים מיט וועלכע מצרים איז געווען ארומגענומען. דער אויבערשטער האט אבער געוויזן זיין גרויסע שטארקע האנט און איבערגעדרייט די מערכות הטבע, און ער האט ארויסגענומען די אידן פון דארטן ביד חזקה ובזרוע נטויה. דערפאר איז וויכטיג יעדן טאג צו דערמאנען יציאת מצרים, ווייל אזוי געדענקט מען אז נאר דער אויבערשטער פירט די וועלט און דורך דעם אויבערשטער פירט זיך די טבע העולם.

דער אורח לחיים ברענגט אראפ דעם באקאנטער רמב"ן אין פרשת בא, אז דער עיקר תכלית פון די אותות ומופתים אין מצרים איז געווען צו ווייזן אז די וועלט האט א מנהיג, און דער אויבערשטער דער מנהיג איז משגיח אויף די וועלט בהשגחה פרטית. מיט דעם טייטשט דער אורח לחיים די משנה אין ברכות ווי רבי אלעזר בן עזריה האט געזאגט "ולא זכיתי שתאמר יציאת מצרים בלילות", ווען דער מענטש'ס מח איז אים קלאר דעמאלס האט ער אמונה אינעם אויבערשטער און מען דארף אים בכלל נישט דערמאנען ווער עס פירט די וועלט. ווען א מענטש איז אבער אין א מצב פון קטנות המוחין און די מח איז אים נישט קלאר דעמאלס דארף מען אין מעורר זיין צו אמונה, און ער דארף דערמאנען יציאת מצרים און דאס וועט אים העלפן צוצוקומען צו די ריכטיגע אמונה. דאס איז טייטש "ולא זכיתי" ווען מיין קאפ איז נישט זך - קלאר, דעמאלס איז דער עצה "יציאת מצרים" ער זאל דערמאנען יציאת מצרים, און דורך דעם וועט ער זיך אריינברענגען א קלארקייט אין מח און משריש זיין אין זיך אמונת השם.

## בהשגחה פרטית האט ר' דוד כ"ץ ז"ל געטראפן דעם לאך און זיין רעטער דער פאסטוך - פאסט טרעגער

איך האב געהערט פון הרה"צ בן ציון ליכטער ז"ל וועלכע איז אוועק דעם פארגאנגענעם ערב ראש השנה: איך בין דערביי געווען בשעת מעשה, אבער איך בין נאך געווען זייער יונג און איך געדענק נישט די מעשה נאר איך האב דאס געהערט פון מיין טאטע ז"ל. ביים צווייטן וועלט מלחמה האט זיך מיין משפחה אויפגעהאלטן אין פאריז וועלכע איז געווען איינגענומען דורך די דייטשן ימ"ש, און מיין טאטע ז"ל האט זייער געוואלט אנטלויפן פון פראנקרייך און ראטעווען די משפחה. איינע פון די וועגן ווי אזוי אידן פלעגן זיך פון דארטן ארויסראטעווען איז געווען אז זיי פלעגן ארויפקריכן די אלפן בערג, און זיי האבן גע'דינגען גוי'אישע שמוגלער וועלכע האבן זיי אריבערגעשמאגלט דעם גרעניץ קיין שווייץ וועלכע איז געווען נייטראל און זיכער. אסאך אידן זענען געראטעוועט געווארן אויף דעם אופן, אבער אסאך אידן זענען נעבעך נפטר געווארן דארטן אויף די בערג. ווייל אסאך מאל האבן די גוי'אישע שמוגלערס אויסגעשפילט די אידן און נישט אנגעקומען זיי אריבערצושווערצן דעם גרעניץ, און זיי זענען נעבעך אויסגעגאנגען דארטן. מיין טאטע ז"ל האט זיך פארבינדן מיט אזא שמוגלער, און פאר א געפעפערטע פרייז האט ער מסכים געווען אריבערצושמוגלען מיין משפחה צוזאמען מיט נאך א מנין אידן.

מיר זענען אנגעקומען צו די אלפן בערג, און מיר האבן געדארפט אליין ארויפקריכן דעם שווערע מסוכן'דיגע בארג. נאר נאכדעם וואס מיר האבן געדארפט אנקומען צום גרעניץ, האבן מיר געדארפט אפגעווארט ווערן דורך די שמוגלער וועלכע האבן אונז געדארפט אריבערשמוגלען דעם שווייצער גרעניץ צו אונזער פרייהייט. מיר האבן אינאיינעם אנגעהויבן ארויפקריכן דעם שווערן בארג, און דאס איז אונז גארנישט

אזוי לייכט אנגעקומען. סיי די בארג איז געווען שווער און קאפליצירט, און סיי אז די דייטשע סאלדאטן האבן זיך כסדר דארטן ארומגעדרייט אויף פאטראל און געזיכט צו כאפן די מענטשן וועלכע פראבירן זיך אריבערצושמאגלען דעם גרעניץ, און וועמען זיי האבן געכאפט איז געווען אחת דתו להמית רח"ל. צווישן די מנין אידן וועלכע האבן אינאיינעם ארויפגעקראכן דעם בארג איז געווען הרה"ח דוד כ"ץ ז"ל, און קריכנדיג דארטן איז ער געבליבן אביסל הינטערשטעליג פונעם גרופע, און ער איז אריינגעפאלן אין א גרוב פון וועלכע ער האט זיך בשום אופן נישט געקענט ארויסזעהן. ער האט נישט געוואלט שרייען פאר הילף ווייל ער האט נישט געוואלט געהערט ווערן דורך די דייטשע פאטראל אגענטן, נאר ער איז געלעגן דארטן מיט אנגסט וויסנדיג אז ער קען דא אויסגיין ח"ו, און האט געווארט אויף ישועת ה'. דער אויבערשטער האט אים געהאלפן, און ממש געציילטע מינוטן נאכן אריפאלן האט ער געהערט קולות פון גלעקלעך וועלכע האבן זיך געהערט ווי פון א פאסטוך. ער האט געשריגן "העלף! העלף!",

און דער פאסטוך האט דאס דערהערט און האט אים בסייעתא דשמיא ארויסגעשלעפט פון דארטן, און ער איז שנעל געלאפן און נאך געכאפט און זיך פאראייניגט מיטן גרופע. בחסדי השם האבן די שמוגלערס מצליח געווען מיט זייער ארבעט, און נאך שעות לאנג פון פחדים און שווער קריכן און קלעטערן האבן מיר זיך דערזעהן שטיין אויפן שווייצער זייט פונעם גרעניץ צו זייער פרייהייט.

פערציג יאר שפעטער האט ר' דוד כ"ץ ז"ל באקומען חשק צו פארן קיין שווייץ צו די אלפן בערג, און מאכן א ברכת "ברוך שעה לי נס במקום הזה" ביי דעם גרוב אין וועלכע ער איז אריינגעפאלן און איז פון דארטן ארויסגעראטעוועט געווארן. ער האט זיך אויפגעהויבן און איז געפארן קיין שווייץ צו די אלפן בערג, און ער האט זיך אנגעהויבן צו אינטערעסירן וואו איז דער פלאץ פון וועלכע ער איז געראטעוועט געווארן און ווי אזוי מען קען אהין אנקומען. ער איז געוואויר געווארן אז מענטשן וואוינען היינט צו טאגס אין יענעם געגנט אויף די בערג, און איין מאל א

וואך פארט אהין א פאסט טרעגער צו אהינפירן די פאסט. ער האט זיך פארבינדן מיטן פאסט טרעגער, און יענער האט מסכים געווען אים אהינצופירן. צום באשטימטער צייט איז ער ארויפגעפארן מיטן פאסט טרעגער וועלכע איז געווען אן עלטערע גוי, און אזוי אינמיטן פארן אויף די בערג זענען זיי אריבערגעפארן א טיפע גרוב. דער אלטער פאסט טרעגער שטעלט אפ דעם טראק, און זאגט אים אויף דויטש "פאר פערציג יאר צוריק בין איך געווען א פאסטוך, און פון דעם לאך האב איך ארויסגעראטעוועט א איד וועלכע איז דא אריינגעפאלן!"

ער האט געזעהן בחוש ווי דער אויבערשטער פירט דער וועלט און איז משגיח בהשגחה פרטית פונקטליך, נישט נאר אז ער האט געטראפן דעם לאך און געקענט מאכן ברכת "שעשה לי נס במקום הזה", נאר ער האט אויך געטראפן זיין רעטער דער פאסטוך - פאסט טרעגער!

# דערמאנען יעדן טאג יציאת מצרים, כדי צו געדענקען אז דער אויבערשטער איז משגיח אויף די וועלט בהשגחה פרטית

טייערע אידן מיר האבן ארומגערעדט איבער אמונה בה' און אז מצה איז א מאכל פון אמונה, און די מצוה פון זכירת יציאת מצרים וועלכע מען דערמאנט ביים סדר איז א מצוה צו דערמאנען יעדן טאג.

## דערמאנען יעדן טאג יציאת מצרים, כדי צו געדענקען אז דער אויבערשטער איז משגיח אויף די וועלט בהשגחה פרטית

עס שטייט אין ספר תשואות חן, אז די מצוה זכירת יציאת מצרים איז געווידמעט שטארק ארויסצוברענגען די השגחה פרטית פונעם אויבערשטער. דאס איז דער טעם פארוואס דער אויבערשטער האט געברענגט די מכות אויף די מצרים, כדי אז אידן זאלן זעהן ביי די

מכות ווי דער אויבערשטער איז משגיח בפרטית ממש אויף יעדער פרט ופרט. אידישע קינדער אין מצרים האבן געהאט גרויסע נסיונות אין אמונה ווייל פרעה הרשע און די מצריים האבן מכחיש געווען די אמונה אינעם אויבערשטער, און זיי האבן זיך שטארק אפגעגעבן מיט אמונות טפילות און מיט שקרים, און דאס האט זייער שטארק משפיע געווען אויף די אידן און זיי זענען נעבעך נאכגעשלעפט געווארן נאך די מצריים מיט זייער פסול'ע אמונות. אפילו אויב אידן האבן יא געגלייבט אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, האבן זיי נישט געגלייבט אז דער אויבערשטער איז משגיח בהשגחה פרטית אויף יעדער פרט ופרט נאר דער אויבערשטער איז משגיח נאר בכללית. כדי צו אויפווייזן פאר אידישע קינדער אז

דער אויבערשטער איז משגיח ממש בהשגחה פרטית האט דער אויבערשטער געשיקט די מכות, און אזוי האט זיך יעדער איד איבערצייגט אז דער אויבערשטער איז משגיח אויף יעדער פרט און פרט וואס טוט זיך אויף דער וועלט.

ער ברענגט פון זיין רבי'ן דער מוכיח פון פולנאה, אז דאס וואס שטייט אין פסוק "מקרי היא בלתי טהור היא" קומט אויסצולערנען אז אויב זאגט א מענטש אויף די הנהגה פון די וועלט "מקרה היא" אז דאס איז א מקרה און עס איז נישטא קיין השגחה פרטית, "בלתי טהור" איז דער מענטש נישט ריין. דערפאר דערמאנט מען יעדן טאג זכירת יציאת מצרים, ווייל דורך זכירת יציאת מצרים גייט אריין אינעם קאפ פונעם מענטש אז עס איז נישטא קיין שום מקרה אויף די

וועלט. אלעס ווערט געפירט דורך דער אויבערשטער פונקטליך בהשגחה פרטית, אזוי ווי חז"ל זאגן "אין אדם נוקף אצבעו מלמטה עד שמכריזין עליו מלמעלה".

## באופן פלא בהשגחה פרטית האט ער באקומען א מיטסובישי קאר אומזינסט!

איך האב געהערט אינעם ענין פון השגחה פרטית א הפלא ופלא'דיגע מעשה, עס האט דערציילט א איד פון ארץ ישראל: איך בין ברוך השם א איד א נהנה מיגיע כפיו, און יעדן טאג פאר איך אריין צו אן אנדערן שטאט ארבעטן פאר מיין פרנסה. פון מיין שטאט וואו איך וואוין ביז די שטאט וואו מיין ארבעט געפינט זיך איז נישטא קיין פאבליק טרענספארטעישען נישט קיין באסעס און נישט קיין באנען, און איך האב מיר געקויפט א קאר מיט וועלכע איך פאר יעדן טאג אריין צו די ארבעט. איך האב עפעס זייער ליב די קארס פון די פירמע "מיטסובישי" (MITSUBISHI), און אלע מיינע קארס ביז היינט האב איך נאר געקויפט פון דעם פירמע. נישט לאנג צוריק האב איך באמערקט אז מיין יעצטיגע קאר איז שוין היבש אלט און האט שוין אסאך מיילעדזש אויף זיך, און בקרוב ממש וועל איך מיך דארפן איינהאנדלען א נייע קאר. איך פאר דאך יעדן טאג צו די ארבעט אויף די שאסייען צווישן שטעט, און צו בלייבן שטעקן מיט א צובראכענע קאר אויף א שאסיי און נישט אינמיטן א שטאט איז זייער א גרויסע עגמת נפש, און מיט אן אלטער קאר איז בלייבן שטעקן גאנץ אן אפטער ערשיינונג... איך האב מיך אריינגעלייגט אין דעם נושא און מברר געווען וויפיל קאסט היינט צו טאגס א נייע קאר פונעם פירמע "מיטסובישי", און נאך אלע פארש ארבעט איז מיר אויסגעקומען אז א נייע מיטסובישי איז נישט קיין ביליגע מעשה, און איך האב יעצט נישט קיין געלט צו קויפן א נייע קאר. קויפן א קאר פון אן אנדערן פירמע האב איך דאך נישט געוואלט, וממילא האב איך מחליט געווען צו אדורך שטיפן נאך א תקופה מיט מיין אפגעניצטע קאר, און אפשר אביסל שפעטער וועל איך מיך שוין קענען ערלויבן א נייע מיטסובישי. למעשה איז אריבער א שטיק צייט און איך האב מיך נישט געקענט צוזאמענקלויבן דעם גרויסן סכום וויפיל א נייע מיטסובישי וועט קאסטן, און מיין יעצטיגע קאר איז נאר עלטער געווארן פון טאג צו טאג, און איך האב איינגעזעהן אז איך וועל שוין נישט לאנג קענען ציען מיט דעם קאר. איך האב מחליט געווען אז דער אויבערשטער קען אלעס, און איך האב אנגעהויבן מתפלל צו זיין צום אויבערשטער אז ער זאל מיך בקרוב ממש געבן מאוצר מתנת חינם א שפאגל נייע קאר פונעם פירמע "מיטסובישי".

עס איז אריבער ממש געציילטע טעג פון ווען איך האב אנגעהויבן מתפלל צו זיין אויף דעם, און איין טאג פאר איך אויפן וועג אהיים פון די ארבעט, און א איד שטעלט מיך אפ אויפן שאסיי און בעט א היטש (טרעמפ). איך נעם אריין דעם איד אין מיין קאר און מיר הייבן אהן צו שמועסן, און ממש אין צוויי מינוט האב איך מיך געטראפן שמועסן מיט אים איבער מיין קאר. איך האב אים געזאגט "דו זעהסט דאך ווי אזוי דער קאר זעהט אויס.... איך מוז בקרוב ממש קויפן א נייע קאר, אבער איך וויל דוקא פינעם פירמע "מיטסובישי" און איך קען מיך דאס בשום אופן נישט ערלויבן יעצט". דער איד איז ממש אויפגעשפרינגען פון ארט, און ער זאגט מיר "איך קען נישט גלייבן וואס דער אויבערשטער האט דא אנגעדרייט בהשגחה פרטית! איך בין א קאר דיללער און איך האנדל "פונקט" נאר מיט קארס פונעם פירמע "מיטסובישי", און איך האלט אייביג אין סטאק צוויי קארס פון יעדן מאדעל. עס איז דא פערצן קאר מאדעלס פון מיטסובישי און איך האלט אייביג ביי מיר אכט אין צוואנציג קארס. ממש אפאר טעג צוריק האב איך באשטעלט אפאר נייע קארס פון מאדעלס פון וועלכע איך האב פארקויפט, און בטעות האט מיר דער סופלייער געשיקט פון איין מאדעל א דריטער קאר. איך האב אנגערופן דעם סופלייער און אים געזאגט אז איך האב נישט אזוי פיל פלאץ אין מיין פארקינג לאט, און איך האב אים געבעטן אז ער זאל שיקן אויפפיקן דעם איבעריגן קאר פון מיין פארקינג לאט. יענער איז געווען איבערגעשטערנגט מיט גאר אסאך ארדערס און ארבעט, און ער האט נישט געהאט קיין צייט און געדולד זיך אפצוגעבן מיט אזעלכע קלייניקייטן. ער האט מיר געענטפערט "איך האב נישט קיין צייט פאר דעם, קענסט דאס אוועקגעבן במתנה פאר א ארימער איד וואס זוכט צו קויפן א קאר". א קאר איז דאך זייער א טייערע זאך און געוועונליך טיילט מען נישט קיין קארס פאר נצרכים במתנה..., און דער סופלייערס ענטפער איז מיר געווען זייער א גרויסע חידוש. "פונקט" היינט האב איך געמוזט אנקומען צו א פלאץ וואו איך פאר קיינמאל נישט אהין, און איך האב מיך דערזעהן אז עס איז נישטא קיין פאבליק טרענספארטעישאן אהין. "פונקט" האב איך דיך אפגעשטעלט צו כאפן מיט דיר א היטש, און "פונקט" האסטו מיר דערציילט אז דו ווילסט קויפן א מיטסובישי אבער דו קענסט זיך דאס נישט ערלויבן! אויב דו ווילסט קענען מיר אינאיינעם פארן גראד צו מיין קאר דיללינג שאפ, און דו קענסט אויפפיקן דיין נייע מיטסובישי קאר וועלכע דער אויבערשטער האט דיר געשיקט במתנה!"

דער מעשה לערנט אונז אז עס איז נישטא קיין שום צופאל אויף די וועלט, נאר אלעס ווערט פונקטליך געפירט בהשגחה פרטית דורכן הייליגער באשעפער. אויך זעהט מען פון די מעשה אז מיט תפילה קען מען זיך אלעס אויסבעטן, און דער אויבערשטער שיקט פארן מענטש אלע זיינע צרכים ממש אין די הענט אריין מיט א הארת פנים!

# אויפגעגעבן די ארבעט פאר הרבצת התורה און שמירת עינים

## און עס האט אים גארנישט געפעלט פון זיין פרנסה!

פארציילט הרה"ח יואל בייער שליט"א

### אפילו א פשוטער איד קען ווערן א קדוש!

טייערע אידן! עס שטייט אין אור החיים הקדוש אז דער ענין פון קדושים תהיו איז, אז אויב א איד טוט נישט קיין עבירות געבט מען אים שכר פונקט ווי ווען ער זאל ווען האבן געטוהן א מצוה. דאס איז דער טעם פארוואס די תורה שרייבט קדושים תהיו בלשון ציווי, ווייל דורכן נישט טוהן קיין עבירות ווערט נחשב כאילו מען האט מקיים געווען די מצוות עשה פון קדושים תהיו, און ווער עס איז מקיים די מצוה פון קדושים תהיו ווערט אנגערופן א קדוש. אויך שטייט דער מצוה בלשון רבים "קדושים תהיו", דאס קומט צו זאגן אז יעדער איד וואס האלט זיך צוריק פון עובר זיין אן עבירה ווערט אנגערופן א קדוש און קיין איין איד ווערט נישט אפגעהאלטן פון צו ווערן א קדוש און אפילו פשוטי עם.

די זעלבע געדאנק שטייט אין ליקוטי מהרצ"א, דער אויבערשטער זאגט פאר משה "דבר אל כל עדת בני ישראל ואמרת עליהם קדושים תהיו". דאס קומט אונז אויסלערנען אז די מצוה פון קדושים תהיו איז געגעבן געווארן פאר אלע אידן, און קיינער זאל נישט מיינען אז זיין א קדוש געהערט נאר פאר בני עלייה אדער בנן של קדושים. דערפאר שטייט "אל כל עדת בני ישראל", ווייל אלע אידן זענען ראוי לאותו איצטלא פון ווערן קדושים.

עס ווערט געברענגט פון אסאך ספרים הקדושים און אויך פון הרה"ק רבי ר' שמעלקא זי"ע מניקלעשבורג, אז "קדושים" איז מלשון הכנה און א איד דארף זיך גרייטן מקבל צו זיין די קדושה, און אויב א איד איז גרייט איז אים דער אויבערשטער משפיע די קדושה.

### אויפגעגעבן די ארבעט פאר הרבצת התורה און שמירת עינים, און עס האט אים גארנישט געפעלט פון זיין פרנסה!

איך האב געהערט פון הרה"ח יואל בייער שליט"א וואס האט דאס געהערט פונעם בעל המעשה א חשוב'ער כולל יונגערמאן: איך האב ברוך השם די זכיה שוין לאנגע יארן צו זיצן אין כולל בין כותלי הבית המדרש, און ברוך השם איך האב פרנסה אויף צו לעבן. יעדער בין הזמנים האב איך א קביעות אז איך גיי ארבעטן ביי א איד אין די ביזנעס, ווייל עס איז דאך פאר פסח און פאר סוכות און איך דארף היבש מער געלט צו דעקן די גרויסע הוצאות פון חודש תשרי און חודש ניסן, און יענע ארבעט האט מיך ארייננעברענגט איבער צוויי טויזנט דאללער. פאראיאר האט מען מיך אנגעטראגן פארצולערנען א שיעור פאר בעלי בתים און איך האב דאס אנגענומען, און ברוך השם איך האב פון דעם גרויס סיפוק הנפש און דאס זיך גרייטן די שיעורים פילט מיך אן מיין טאג אז ממש יעדן סקונדע איז מיר פארנומען.

ווען עס איז געקומען ערב פורים האב איך מיך געמאכט א חשבון אז אט אט קומט שוין בין הזמנים, און אלע יאר ביז היינט בין איך דאך געגאנגען ארבעטן צו דעקן די גרויסע הוצאות יום טוב. היי יאר בין איך דאך געווארן א מגיד שיעור און יעדע סקונדע אין מיין טאג איז פארנומען מיטן זיך גרייטן די שיעורים, און איך האב אנערקענט אז איך וועל בשום אופן נישט האבן קיין צייט צו ארבעטן דעם בין הזמנים ווייל איך דארף יעדער סקונדע. אין די ערשטע מינוט האב איך אביסל געקווענקלט צו איך זאל טאקע באמת אויפגעבן מיין ארבעט בין הזמנים ווייל איך דארף דאך די געלט, אבער צום סוף האב איך באשלאסן א הרבצת התורה איז חשוב'ער פון אלעס. אויך האב איך געמאכט א חשבון אז אין יענעם ביזנעס קומען אויך אריין קליענטן נשים, און אויב וועל איך נישט אהינגיין וועל איך ווייניגער דארפן האנדלען מיט נשים. צום סוף האב איך באשלאסן אז "אין אדם שומע לי ומפסיד", און דעם בין הזמנים גיי איך נישט אהין ארבעטן סיי לכבוד הרבצת התורה און סיי לכבוד זיך היטן די אויגן, און דער אויבערשטער וועט מיך שוין שיקן די געלט אויף הוצאות יום טוב אויף אנדערע אופנים. באלד נאך פורים האט זיך דער בעל הבית פון יענע ביזנעס פארבינדן מיט מיר און ער פרעגט מיך "נו, עס קומט דאך שוין בין הזמנים און איך קוק ארויס אז דו וועסט קומען ארבעטן פאר מיר, קומסטו?", איך האב אים געענטפערט "ניין, איך וועל נישט קענען קומען פון היינט און ווייטער". דער בעל הבית איז געווארן זייער פארלוירן און ער פרעגט מיך "אבער עס איז דאך פאר יום טוב און איך מוז האבן הילף אין די ביזנעס, און איך בין דיר גרייט צו הייבן די געהאלט דעם בין הזמנים!", אבער איך האב אנטשלאסענערהייט געענטפערט "אנטשולדיגט, אבער איך וועל שוין נישט קענען קומען פון היינט און ווייטער".

ברוך השם אז איך האב מיך געהאלטן שטארק ביי מיין החלטה און איך בין נישט געגאנגען ארבעטן דעם בין הזמנים, נאר איך בין געזעצן און געלערנט מיט התמדה און זיך געגרייט מיינע שיעורים. ברוך השם אז איידער פסח איז אנגעקומען האב איך שוין געהאט מער פון גענוג אויף הוצאות יום טוב, א חלק האב איך באקומען פורים אויף משלוח מנות פון די משתתפים ביי מיינע שיעורים, און א חלק האט מיר דער אויבערשטער אריינגעשיקט אויף וואונדערליכע אופנים!

מען זעהט פון די מעשה אז אויב א איד וויל מוסיף זיין אין קדושה וטהרה און מוסיף זיין שעות אין לימוד התורה, העלפט אים דער אויבערשטער און עס פעלט אים נישט קיין

פרנסה און ער האט פון אלעם גוטן אויף די וועלט און אויף יענע וועלט!

# דער ערשטער זיץ אויפן באס האט זיך יעדן טאג אפגעליידיגט פאר אים,

## ווייל ער האט זיך געוואלט היטן די אויגן!

טייערע אידן! מיר שטייען שוין אין די פיפטע וואך פון די ימי הספירה. עס שטייט פון צדיקים אז "וספרתם לכם" איז מלשון "נפך ספיר ויהלום", אז מען דארף זיך אויסלייטערן און אויסרייניגן כדי אנצוקומען צו קבלת התורה ריין און אויסגעלייטערט.

### דורך זיך כולל זיין מיט גאנץ כלל ישראל קענען אויך די פשוטי עם מקיים זיין די מצוה פון "קדושים תהיו"

עס שטייט אין ספה"ק אוהב ישראל די וואך אין די פרשה, אז כדי זיך מקדש צו זיין אזוי ווי עס דארף צו זיין דארף מען זיין מסוגל אויף דעם, און נישט יעדער איז ראוי אויף דעם מחמת די קטנות פון די נשמה. ווען א מענטש ווייסט דאס קען ער דאך ווערן צובראכן און טראכטן "געוויס נאר די צדיקים און בעלי מדריגה קענען זיך באמת מטהר זיין צוליב זייער הויעכע נשמה, אבער איך פשוטער איד בין נישט באפוילן געווארן מיטן חיוב פון קדושים תהיו און איך האב נישט קיין שייכות מיט דעם". דער אמת איז אבער אז דער מצוה פון קדושים תהיו איז א מצוה וואס איז געגעבן געווארן פאר יעדער איד זאל זיין ווער עס זאל זיין, און אפילו מענטשן וועלכע קענען זיך נישט אליין זיך מקדש זיין האבן אויך אן עצה צו זיך מקדש זיין. די עצה פאר א פשוטער איד איז זיך כולל זיין בתוך כלל ישראל, און אין כלל ישראל איז זיכער דא אידן וועלכע זענען ראוי זיך מקדש צו זיין, און דער פשוטער איד קען זיך מיטכאפן מיט די בעלי מדריגה אין כלל ישראל. מען קען דאס פארשטיין מיט א משל, מען קען אמאל זעהן אז א דינע לעכט קען זיך נישט געהעריג אנצינדן. אויב וועט מען אבער צוזאמענשטעלן עטליכע דינע לעכטלעך אינאיינעם וועלן זיי יא שיין ברענען, ווייל דער כח פונעם אחדות פון אלע לעכטלעך אינאיינעם טוט אויף אז איין לעכטל העלפט דעם אנדערן. די זעלבע זאך איז אויך מיטן נר השם נשמת אדם וועלכע איז א חלק אלוק ממעל, איין פשוט'ער איד פאר זיך קען זיך טאקע נישט מקדש זיין. אויב איז זיך דער פשוטער איד כולל מיט נאך אידן, העלפן זיך די אידן ארויס איינער דעם אנדערן און די פשוט'סטע אידן קענען זיך אויך מקדש זיין. דאס איז מרומז אין פסוק "דבר אל כל עדת בני ישראל קדושים תהיו", אויב וועט איר זיך מאחד זיין אינאיינעם וועלן אלע אידן זוכה זיין צו קדושים תהיו.

דער זעלבער ענין שטייט אין ספה"ק מאור ושמש. לגבי סור מרע איז א גרויסע תועלת זיך אפצושיידן פון מענטשן, כדי מען זאל זיך נישט אפלערנען פון זייערע נישט ערליכע מעשים. אבער לגבי עשה טוב איז דער בעסטער זאך זיך מאחד צו זיין מיט אנדערע אידן, ובפרט מיט צדיקים און חסידים ואנשי מעשה, און מען לערנט זיך אפ גוטע זאכן איינער פונעם אנדערן.

### דער ערשטער זיץ אויפן באס האט זיך יעדן טאג אפגעליידיגט פאר אים, ווייל ער האט זיך געוואלט היטן די אויגן!

בענין די סייעתא דשמיא וואס באגלייט א איד וואס וויל זיך אפהיטן, האט מיר דערציילט הרה"ח מרדכי שיף שליט"א פון ירושלים עיר הקודש: איך לערן אין כולל בחברותא מיט א וויזניצער יוגערמאן. איין טאג קומט ער אהן אין כולל אינגאנצן צופלאקערט, און איך האב דערקענט אויף אים אז ער האט יעצט געהאט גאר א גרויסער התעוררות. איך פרעג אים "וואס האט פאסירט מיט דיר?, עס זעהט אויס אז עפעס אויסערגעוועונליך גייט פאר מיט דיר!"

ער דערציילט מיר: איך וואוין נישט דא אין געגענט אין צענטער פון ירושלים, נאר איך וואוין אין נוה יעקב וועלכע איז א זייטיגער געגענט ביי די עק פון ירושלים. יעדן טאג פאר איך אריין צום כולל מיט איינע פון די שטאטישע באסעס וועלכע ברענגען מענטשן פון נוה יעקב קיין מרכז העיר, און איך קום יעדן טאג מיטן זעלבע באס די זעלבער צייט און עס איז יעדן טאג דער זעלבער דרייווער. אויף א שטאטישע באס קומען דאך ארויף פארשידענע עלעמענטן, און מען דארף זיך היטן די אויגן. איך האב מיך געמאכט א קביעות אז יעדן טאג ארויפגייענדיג אויפן באס בין איך מיך משתדל צו זיצן אויף דער ערשטער זיץ אינטערן דרייווער, יענע זיץ איז אן איינצעלנער זיץ אנדערש ווי אלע אנדערע זיצן וועלכע זענען צוויי זיצן איינע נעבן דער אנדערע. איך פארדין פון דעם אז איך בין נישט אויסגעשטעלט צו זעהן קיין ראיות אסורות, ווייל קיינער זיצט דאך נישט פארענט פון מיר חוץ דער דרייווער. איך פארדין אויך אז איך קען שנעל ארויפגיין און אראפגיין פונעם באס און אז איך דארף נישט אדורגיין דעם גאנצן לענג פונעם באס זוכענדיג א פלאץ, און דאס איז א גוטער השתדלות פאר שמירת עינים.

היינט אינדערפרי קום איך ארויף אויפן באס, און ווי יעדן טאג זעץ איך מיך אוועק אויפן ערשטן זיץ אינטערן דרייווער. דער דרייווער - א פרייער איד נעבעך - שטעלט אפ דעם באס, און ער לויפט צו צו מיר און ער שרייט מיט התרגשות פון טיפן הארץ "מה זה? מה זה?" איך האב באמת נישט געהאט קיין אהנונג וואס ער וויל פון מיין לעבן און וואס ער מיינט, און איך פרעג אים "איך פארשטיי נישט וואס דו מיינסט צו פרעגן, אויף וואס פרעגסטו מה זה?" דער דרייווער ענטפערט מיר "יעדן טאג ממש מינוטן איידער דו קומסט ארויף אויפן באס, אדער איז דער וועלכע איז געזעצן אויף די ערשטע זיץ אראפגעגאנגען איין סטאפ פאר דיר, אדער האט זיך יענער ממש א פאר סקונדעס צוריק בארעכנט און איז געגאנגען זיצן טיפער

אינעם באס. איך קוק דאס שוין נאך א לאנגע צייט און דאס איז ממש מעשים שבכל יום, און עס קוקט אויס א הימלישער זאך ספעציעל פאר דיר. האסטו דען נישט באמערקט אז די זיץ איז יעדן טאג ליידיג פאר דיר?, ווי אזוי ארבעט דאס?, וואס מיינט דאס?" איך האב געענטפערט דעם דרייווער "איך האב נישט געוואוסט אז דאס געשעהט יעדן טאג, און עס איז מיר אויך א חידוש דאס צו הערן. איך פארשטיי אבער יא ווי אזוי דאס געשעהט! יעדן טאג איידער איך גיי ארויס פון מיין שטוב צום באס סטאפ בעט איך פונעם אויבערשטער אז איך וויל מיך אפהיטן מיינע אויגן, און איך בעט אז דער אויבערשטער זאל מיך העלפן אז איך זאל נישט זיין אויסגעשטעלט צו קיין נסיונות.

זעהט אויס אז צו זיצן אינעם ערשטן זיץ איז א תנאי צו קענען היטן די אויגן, און דער אויבערשטער העלפט מיך און דער זיץ ליידיגט זיך אפ פאר מיר!" דער דרייווער האט נישט געגלייבט וואס ער הערט, און ער פרעגט מיך מיט וואונדער "אזוי גייט דאס טאקע? מען דאוונט און עס העלפט?" איך האב אים געענטפערט מיט א פעסטקייט "יא! דער אויבערשטער הערט אויס אלע אידישע תפילות און ער העלפט אידישע קינדער, ובפרט אויב מען איז מתפלל אז מען וויל זיין ערליך און אפגעהיטן און מען בעט אז מען זאל קענען מקיים זיין רצון השם העלפט דער אויבערשטער!" דער פרייע דרייווער האט נישט געקענט קומען צו זיך, און ער האט זיך אויסגעדריקט מיט

מורא'דיגע שעצונג ווערטער אויף ערליכע אידן און אויף תפילה און אויפן אויבערשטער, די מעשה האט געמאכט א גרויסער קידוש השם!

מען זעהט פון די מעשה אז אויב א איד וויל זיך מקדש ומטהר זיין, העלפט אים דער אויבערשטער און איז מסבב אז דער איד זאל זיך קענען מקדש זיין!

מען דערציילט אז ווען דער הייליגער בית אהרן זי"ע פון קארלין פלעגט אריינקומען אין בית המדרש, פלעגט ער טאנצן און זינגען "ארוממך ה' כי דליתני, איך לויב דיר באשעפער אז די האסט מיך אויפגעהויבן און איך בין נישט געפאלן אין שמירת עינים".

## מסיים געווען ספר שמירת הלשון
# און איז בו ביום א חתן געווארן!

טייערע אידן! מיר שטייען אין די זעקסטע וואך פון די ימי הספירה, און מיר גרייטן צו הייליגן יום טוב שבועות זמן מתן תורתנו!

מען זאגט נאך פונעם בארנוב'ער רב זצ"ל אז חודש אייר איז א חודש פון שידוכים, ווייל די גמרא זאגט "כי הוא אמר ויהי זו אישה הוא צוה ויעמוד זו בנים". "כי הוא אמר ויהי" איז סופי תיבות "אייר", דאס קומט מרמז צו זיין אז אייר איז א זמן פון שידוכים.

### פארוואס האט מען נישט געגעבן די תורה באלד נאך יציאת מצרים?

דער אור החיים הקדוש אין פרשת יתרו פרעגט א קושיא, פארוואס האט דער אויבערשטער אויפגעהאלטן דעם מעמד קבלת התורה ביז חודש סיון מען איז דאך שוין ארויס פון מצרים אין חודש ניסן? עס קוקט חלילה אויס אז דער אויבערשטער האט נישט אזוי שטארק געגליסט צו געבן די תורה פאר די אידן, ווייל א זאך וואס מען גליסט איילט מען זיך צו טוהן ווי שנעלער? דער אור החיים הקדוש ענטפערט אז דער אמת איז פונקט פארקערט, דער אויבערשטער האט יא געוואלט געבן די תורה

שוין אין חודש ניסן. די אידן זענען אבער נאכנישט געווען גרייט פאר קבלת התורה באלד נאך יציאת מצרים, זיי האבן וויכטיג געדארפט די ימי הספירה זיך צו אויסרייניגן כדי צו זיין גרייט און ראוי מקבל צו זיין די תורה. משל למה הדבר דומה, א חתן און א כלה גרייטן זיך צו גיין אינטער די חופה בשעה טובה ומוצלחת, אויב וועלן זיי שוין גיין אינטער די חופה איידער מען איז אינגאנצן גרייט צו די חתונה, וועלן זיי דארפןווארטן לאנג ביז מען ווערט גרייט און דאס וועט גורם זיין א שטארקע אנגעצויגנקייט. די זעלבע איז געווען מיט אידישע קינדער, דער אויבערשטער האט ספעציעל געפירט אז זיי זאלן נאכנישט זיין ביים בארג סיני איידער זיי זענען געווען גרייט צו קבלת התורה נאכן זיך אויסרייניגן אין די ימי הספירה. דאס איז פשט אין פסוק "בחודש השלישי לצאת בני ישראל מארץ מצרים", פארוואס טאקע בחודש השלישי? נישט ווייל דער וועג האט געוומען אזוי לאנג, ווייל ביום הזה נסעו וביום הזה באו. נאר דער טעם איז אז טאקע ווייל דער אויבערשטער האט אזוי שטארק געוואלט געבן די תורה פאר די אידן, אבער ער האט זיי נישט געוואלט ברענגען צום

חתונה זאל איידער מען איז גרייט צו די חתונה, וממילא האט ער זיי נאכנישט געפירט קיין מדבר סיני ווילאנג זיי האבן זיך נאך געדארפט אויסרייניגן. ווי נאר זיי זענען גרייט געווארן צום חתונה - קבלת התורה - זענען זיי אין איין טאג אנגעקומען צום חתונה זאל - הר סיני - ווייל דער אויבערשטער האט שוין משתוקק געווען זיי צו געבן די צורה.

### מסיים געווען ספר שמירת הלשון, און איז בו ביום א חתן געווארן!

עס האט מיר דערציילט א איד פון וויליאמסבורג: מיין זוהן א בחור האט געלערנט אין א ישיבה ווייט פון שטוב, און ער איז געשלאפן אין דארמעטארי צוזאמען מיט נאך פיר בחורים. ווען זיי זענען אנגעקומען צו די עלטער פון שידוכים, האבן זיך אפגעשמיעסט אז זיי ווילן זיך מקבל זיין א קבלה טובה לזכות צו טרעפן גוטע שידוכים. זיי האבן מחליט געווען אז דער קבלה וועט זיין בסור מרע, און אזוי שטייט טאקע אין משניות אז מסכת גיטין קומט פאר מסכת קידושין ווייל סור מרע קומט פאר עשה טוב.

זיי האבן אפגעמאכט אז די קבלה טובה וועט זיין אז זיי וועלן נישט ארייינברענגען זייער סעלפאון אין בית המדרש, און פיר פון זיי האבן זיך דאס אינטערגענומען און זיך געהאלטן דערצו מיט א שטארקייט. דריי פון די פיר זענען טאקע נישט לאנג שפעטער געווארן חתנים, און דער פערטער איז א חתן געווארן שפעטער אינעם ווינטער. דער פיפטער בחור וועלכע האט זיך דאס נישט אינטערגענומען איז געווען מיין זוהן, און ער האט זיך דאס נישט געקענט אינטערנעמען ווייל ער האט ניטאמאל געהאט א סעלפאון... מיין זוהן האט זיך אינטערגענומען אז ער גייט נישט רעדן לשון הרע, און אז ער גייט אדורך לערנען דעם ספר שמירת הלשון. די סיבה פארוואס ער האט זיך אינטערגענומען פונקט די קבלה איז ווייל מידה כנגד מידה, ער וועט נישט רעדן לשון הרע און דער אויבערשטער וועט העלפן אז ביים געבן אינפארמאציע פאר א שידוך וועט קיינער נישט רעדן קיין לשון הרע אויף אים. מיין זוהן האט מיט מיר אינאיינעם געלערנט יעדן טאג א שטיקל שמירת הלשון דורכן דארמעטארי טעלעפאון, און די טאג וועלכע מיר האבן מסיים געווען דעם ספר שמירת הלשון איז מיין זוהן א חתן געווארן למזל טוב!

עס שטייט פון פסיקתא אז משיח וועט קומען שבועות, זאל דער אויבערשטער טאקע העלפן אז מיר זאלן בקרוב ממש זוכה זיין צו ביאת משיח צדקנו במהרה בימינו אמן!

# ”פארלוירן” דעם פאספארט כדי די שידוך זאל קענען געשעהן...

טייערע אידן! מיר ענדיגן שוין די זעקסטע וואך פון די ימי הספירה, און מיר האבן שוין געשמועסט אז חודש אייר איז א זמן פון שידוכים, און אידן אין די ימי הספירה זענען א בחינה אזוי ווי א חתן און א כלה וועלכע גרייטן זיך צו די חופה.

## ווער איז דער עלטסטער שדכן אויף דער וועלט?

עס שטייט אין מדרש ויקרא רבה אז די מטרנותא האט געפרעגט רבי יוסי בר חלפתא ”במשך וויפיל טעג האט דער אויבערשטער באשאפן די וועלט?”, און ער האט איר געענטפערט ”במשך זעקס טעג”. זי האט ווייטער געפרעגט ”און וואס טוט דער אויבערשטער פון ווען ער האט געענדיגט באשאפן די וועלט ביזן היינטיגן טאג?”, האט ער איר געענטפערט ”דער אויבערשטער זיצט און מאכט שידוכים און ער רופט אויס בת פלוני לפלוני, ממונו של פלוני לפלוני, ער הייבט אויף איינעם און ער לאזט אראפ א צווייטן אזוי ווי עס שטייט זה ישפיל וזה ירום”.

## ווען א שידוך איז באשערט פארדעקט מען פון הימל אלע חסרונות!

אין וויזניץ איז מקובל בשם דער הייליגער שפאלער זיידע זי”ע, אז יעדער מענטש האט מעלות און חסרונות, און אויב א שידוך איז באשערט פון הימל קומט אראפ א לאקשן ברעט פון הימל און דעקט צו אלע חסרונות און עס בלייבט גאליע מעלות. אויב א שידוך איז נישט באשערט פון הימל, קומט אראפ א לאקשן ברעט פון הימל און דעקט צו אלע מעלות און עס בלייבט גאליע חסרונות.

דער הייליגער חזון איש האט אמאל דערציילט פאר זיין שוועסטער: א איד איז מיר געקומען פרעגן אינפארמאציע פאר א שידוך איבער א בחור וועלכע האט זיך געדרייט ביי מיר. ער פרעגט מיך ”וואס איז זיין מצב אין לערנען?”, און איך האב געענטפערט ”עס קען זיין בעסער” מיינענדיג צו זאגן אז זיין לערנען איז נישט אזוי איי איי איי. יענער האט דאס אבער אפגעטייטשט אז איך שטיפ אים צו צום שידוך, און ער האט געטראכט אז איך מיין צו זאגן אז יעדער איד קען דאך זיין בעסער אין לימוד התורה. ער פרעגט מיך ווייטער ”וואס איז זיין מצב אין יראת שמים?”, און איך האב אים ווייטער געענטפערט ”עס קען זיין בעסער”, און ער האט עס ווייטער אויסגעטייטשט אז יעדער קען זיין בעסער. ער פרעגט מיך נאכדעם ”ווי אזוי איז ער אין מידות?”, און איך האב אים ווייטער געענטפערט ”עס קען זיין בעסער” מיינענדיג צו זאגן אז עס איז נישט הונדערט פראצענטיג. יענער איז ארויס פון מיר מיט איין שמחה און ער האט פארשטאנען אז איך שטופ אים צו צו טוהן דעם שידוך, און דער שידוך איז געווארן למזל טוב טראץ מיין פראבירן אים קלאר צו זאגן אז איך האלט נישט אזוי פון דעם בחור. איך האב פון דעם קלאר געזעהן, אז ווען א שידוך איז באשערט איז נישטא קיין זאך וואס קען אפשטעלן דעם שידוך פון געשען. דו זעהסט דאך אז איך האב אים קלאר געזאגט אז איך האלט נישט פון דעם שידוך, און ער האט פארשטאנען פונקט פארקערט און ער האט טאקע געטוהן דעם שידוך!

## דער אויבערשטער אליין איז דער שדכן!

כ”ק בעל שפע חיים מצאנז קלויזנבורג זצ”ל האט נאכגעזאגט פון זיין טאטע הרה”ק הערשל זצ”ל פון רודניק בשם דער הייליגער צאנזער רב זי”ע, אז דער הייליגער צאנזער רב זי”ע האט אמאל געזאגט שמיני עצרת ביינאכט ”אלע בריאי מעלה און אלע בריאי מטה ארבעטן צוזאמעצושטעלן א שידוך”.

א איד האט מיר אמאל דערציילט אז זיין טאטע איז געווען מספק איבער א געוויסע

שידוך וואס מען האט אים אנגעטראגן, און ער איז געגאנגען פרעגן כ"ק אדמו"ר ר' יענקעלע זצ"ל פון פשעווארסק. הרה"ק יענקעלע זצ"ל האט אים געענטפערט: קשה זיווגו של אדם כקריעת ים סוף, פאר וועמען איז דאס אזוי שווער? עס איז שווער פארן ריבונו של עולם צוזאמענצושטעלן א שידוך! דער אויבערשטער האט דאך שוין צוזאמענגעשטעלט דעם שידוך און דו קומסט זיך אריינמישן!

## "פארלוירן" דעם פאספארט כדי די שידוך זאל קענען געשעהן...

עס האט מיר דערציילט מוה"ר ר' ישראל אפפעלבוים שליט"א פון ארץ ישראל: מיין טאטע זאל זיין געזונט וואוינט אין טאראנטא, און איך בין דארטן אויפגעוואקסן אין מיינע קינדערישע יארן. פאר צוואנציג יאר צוריק בערך אין די תקופה ווען די צווילינג טורעמס זענען צוזאמענגעפאלן, בין איך געפארן לערנען אין א חשובע ישיבה אין ארץ ישראל. נאכן וויילן אין ישיבה אפאר חדשים האב איך מיך שוין זייער אהיימגעבענקט נאך מיינע עלטערן, און בין הזמנים בין איך ארויסגעפארן פון ארץ ישראל מיט א פליגער קיין ניו יארק, און פון דארטן האב איך געהאט א קאנעקטינג פלייט קיין טאראנטא צו קענען פארברענגען אביסל מיט מיינע עלטערן. איך בין ברוך השם אנגעקומען קיין ניו יארק בשעה טובה ומוצלחת און איך בין אראפ פונעם פליגער, און ווי נאר איך האב געדארפט אדורגיין די אמעריקאנע קאסטעמס האב איך אנדעקט אז מיין פאספארט איז נישט צום געפונען. א שרעק איז מיר אריבערגעלאפן אין אלע ביינער, און איך האב מיך שנעל גענומען זוכן אין אלע טאשן און אין מיין האנד באגאזש, איך האב זיך געווענדן צו די באאמטע און גע'טענה'ט אז ווארשיינליך איז מיין פאספארט געבליבן אויפן פליגער, און זיי האבן מיר טאקע געגעבן א ספעציעלע ערלויבעניש צו צוריק ארויפגיין אויפן פליגער און אויפזוכן מיין פאספארט, אבער נאכן עס גוט אויפזוכן האב איך איינגעזעהן אז עס איז זיכער נישט אויפן פליגער. איך האב מיך פארגעשטעלט אז לכאורה איז דאס שוין פארלוירן געווארן נאך אין ארץ ישראל, ווייל סיי אויפן פליגער און סיי אינעם עירפארט און סיי מיינע טאשן האב איך גאר גאר גרונטליך געזוכט און עס נישט געפונען. איך האב מיך געווענדן צו די באאמטע און געבעטן הילף, זיי האבן מיך געזאגט אז זיי קענען מיך אריינלאזן אין אמעריקע ווייל איך בין דאך שוין אריבער די אמעריקאנע סעקיוריטי נאך אינעם עירפארט אין ארץ ישראל, אבער זיי קענען מיך בשום אופן נישט ארויפלאזן אויף א פליגער קיין קאנאדע אהן א פאספארט.

איך האב מיך פארבונדן טעלעפאניש מיט מיין טאטן און איך האב אים דערציילט וואס עס גייט פאר, און איך האב אים געפרעגט וואס איך זאל יעצט טוהן. קודם האט מיין טאטע פארגעשלאגן אז איך זאל אריינפארן קיין בארא פארק, און דארטן זאל איך מיך ארויפזעצן אויפן גרעיאנט באס וועלכע פארט קיין טאראנטא, און אפשר דורך א לאנד גרעניץ וועל איך מיך גרינגער קענען אריינזעהן אין קאנאדע אהן קיין פאספארט. למעשה האט מיין טאטע זיך נאכגעפרעגט ביי די לאקאלע עסקנים אין טאראנטא אויב די באס איז א גוטע אפציע, אבער די עסקנים האבן אים פה אחד גע'טענה'ט אז די באאמטע קומען בדרך כלל ארויף אויפן באס און קוקן גוט איבער אלע פאפירן פון יעדער רייזענדער. זיי וועלן זיכער צוקומען צו מיר און זעהן אז איך האב נישט קיין פאספארט, און זיי וועלן מיך געוויס נישט אריינלאזן קיין קאנאדע אזוי גלאטיג. די עסקנים האבן מציע געווען אז דער פראקטישסטער עצה איז צו פארן מיט א פריוואטע קאר מיט עטליכע מענטשן צוזאמען. די סדר ביי א לאנד גרעניץ מיט א קאר איז אז דער דרייווער געבט איבער פארן אפיציר אלע פאספארטן, און דארט איז אסאך גרינגער אז זיי זאלן פארזעהן אז איינער זיצט אינעם קאר און האט נישט קיין פאספארט. מיין טאטע האט זיך אינטערעסירט ווער פון טאראנטא געפינט זיך יעצט אין ניו יארק, און ער האט זיך דערוואוסט אז ס'איז דא א משפחה פון טאראנטא אויף א שבע ברכות אין מאנסי, און אסאך געסט פון די שמחה זענען צו גאסט אין מאנסי לכבוד די חתונה. מיין טאטע האט מיך געזאגט "פאר אריבער קיין מאנסי צום שבע ברכות היינט נאכט פון משפחת פעקער - קויפמאן, און בעט איינער פון די משפחה וועלכע האט פלאץ אין די קאר זאל דיך אהיימנעמען. לאמיר האפן אז זיצענדיג אין א קאר ביי א לאנד גרעניץ וועלן זיי דיך נישט באמערקן, און דו וועסט אריינקומען קיין קאנאדע אן קיין פאספארט אומבאמערקט". איך בין טאקע ארויסגעפארן פונען עירפארט קיין מאנסי, און איך בין צוגעפארן צום שבע ברכות פון משפחות פעקער - קויפמאן, און ברוך השם אז איינע פון די געסט פון טאראנטא האט מסכים געווען מיך מיטצונעמען טראץ מיין פעקל....

איך האב דאך געדארפט ווארטן ביז ווען די שבע ברכות ענדיגט זיך, און די געסט פון טאראנטא האבן מיך געזאגט איך זאל מיך גיין וואשן און עסן ביי די שבע ברכות. איך האב טאקע אזוי געטוהן איך האב מיך געוואשן און געגעסן ביי די שבע ברכות, און ווען איך האב געענדיגט עסן און מען האט געטאנצן און געגראמט האב איך מיך געזעצט אין א ווינקל לערנען אביסל. און מחותן'יסטע מרת. קויפמאן האט מיך געזעהן במשך דעם שבע ברכות ווי אזוי איך רעד און ווי אזוי איך לערן. איך האב געמאכט ביי איר זייער א גוטע רושם, און אירע מחותנים משפחת פעקער האבן געהאט א טאכטער אין די יארן פון שידוכים, און זי האט מיך אנגעטראגן פאר איר מחותן'יסטע מרת. פעקער נאך בשעת'ן שבע ברכות.

בשעת'ן שבע ברכות האב איך עפעס געדארפט האבן פון מיין האנד באגאדזש, און איך גיי נעמען וואס איך דארף און איך טרעף דארטן.... נישט מער און נישט ווייניגער מיין פאספארט! איך האב שוין געהאט איבערגעקוקט דעם האנד באגאדזש צענדליגע מאל, און איך האב באמת נישט געקענט פארשטיין ווי אזוי איך האב דאס פארזעהן, ווייל דאס איז געלעגן זייער אויבנאויף און נישט ערגעץ באגראבן! איך האב מיך זייער געפרייט אז ביים קאנאדישן גרעניץ וועט מיטן אויבערשטערס הילף אלעס פארן געשמירט, און מען וועט מיך נישט דארפן שמוגלען דעם גרעניץ. ברוך השם באלד נאכן שבע ברכות זענען מיר

ארויסגעפארן קיין טאראנטא, און איך האב מיך באגעגנט מיט מיינע בענקעדיגע עלטערן מיט גרויס שמחה!

מרת קויפמאן פון מאנסי איז נישט געבליבן שטיין ביים אנטראגן דעם שידוך איינמאל ביים שבע ברכות, נאר זי האט אינצווישן טעלעפאנירט צו מיינע עלטערן און אנגעטראגן פאר מיר די טאכטער פון ר' אברהם פעקער שליט"א. מיינע עלטערן האבן נאכנישט געהאלטן ביין ארויסהערן שידוכים פאר מיר, ווייל איך האב געלערנט אין א ליטווישע ישיבה און די פלאן איז געווען אז איך וועל נאך בלייבן לערנען אין ישיבה אפאר יאר. מרת. קויפמאן האט זיך נישט געלאזט פון מיינע עלטערן, און זי האט זיי צוגערעדט אז זיי זאלן זיך כאטשיג אינטערעסירן אויף די מיידל צו זעהן אויב עס איז בכלל אינטערעסאנט פאר זיי. מיינע עלטערן האבן זיך פארבינדן מיט מיין ראש הישיבה הרה"ג אליה שוועי שליט"א, און זיי האבן זיך ביי אים נאכגעפרעגט אויף משפחת פעקער. דער ראש הישיבה האט גוט געקענט מיין משפחה און אויך משפחת פעקער, און ער האט זייער צוגעשטיפט מיינע עלטערן צו טוהן דעם שידוך. מהשם יצא הדבר און דער שידוך איז געווארן למזל טוב!

נאכן שידוך שליסן האבן מיר איבעשגעשמועסט דעם גאנצן השתלשלות ווי אזוי דער שידוך איז צושטאנד געקומען. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דאס "פארלירן" מיין פאספארט וועלכע האט אויסגעזעהן צו זיין א עגמת נפש, דאס איז גאר געווען דער דרך הטבע'דיגע גורם אז דער שידוך זאל בכלל קענען צושטאנד קומען. ווייל ווען איך טרעף ווען מיין פאספארט אינעם עירפארט אין ניו יארק וואלט איך דאך באלד גענומען דעם קאנעקטינג פלייט קיין טאראנטא, און איך וואלט נישט אנגעקומען צום שבע ברכות פון משפחת פעקער און קויפמאן אין מאנסי. און ווען איך פאר וועגן קיין בארא פארק מיטן גרעיאנט באס וואלט איך דאך ווייטער נישט אנגעקומען קיין מאנסי צום שבע ברכות. דער אויבערשטער האט מסבב געווען אז איך זאל טאקע אנקומען קיין מאנסי צום שבע ברכות און געזעהן ווערן דורך מרת. קויפמאן, און אזוי איז איר איינגעפאלן דעם שידוך. איינמאל איך בין שוין געווען אין דער פלאץ ווי מען האט אנגעהויבן רעדן מיין שידוך, האב איך שוין געקענט טרעפן מיין פאספארט און פארן אריבער דעם גרעניץ רואיגערהייט!

מען זעהט פון די מעשה ווי אזוי דער אויבערשטער איז מסבב סיבות און זאכן געשעהן שלא כדך הטבע, ווייל שידוכים איז פון הימל! מהשם אישה לאיש!

# מאמע רחל האט געשיקט זייער א קלארע סימן וועלכע שידוך צו טוהן!

טייערע אידן! מיר האבן גערעדט בענין שידוכים, און מיר האבן נאכגעזאגט פונעם בארנובער רב אז אייר איז א חודש פון שידוכים.

## דאנקן דעם אויבערשטער אויף יעדער שידוך וואס מען טראגט אן, אזוי ווי אליעזר עבד אברהם האט געדאנקט אויף יעדער קלייניקייט

איך האב געזעהן ברענגען אז איינער האט אמאל געפרעגט הגה"ח חיים ברים זצ"ל וועגן א שידוך, און ר' חיים זצ"ל האט יענעם געזאגט בשם זיין ברודער הגה"ח יהושע העשיל זצ"ל: מיר טרעפן אין די תורה אז ווען אליעזר עבד אברהם איז געקומען עוסק זיין אינעם שידוך פון יצחק, איז אויף יעדער התקדמות פונעם שידוך האט ער געדאנקט דעם אויבערשטער. אויך ווען ער איז געזעצן ביי בתואל אינדערהיים און ער האט דערציילט די גאנצע השתלשלות ביז אהער, שטייט אויך אז ער האט געזאגט "ואקוד ואשתחוה לה'". מען זעהט פון דעם אז ווען א איד איז עוסק אין א שידוך, אפילו אויב ער ווייסט נאכנישט וואס עס וועט זיך אויסלאזן דערפון זאל ער שוין לויבן און דאנקן דעם אויבערשטער. אויף יעדן טעלעפאן קאל וואס מען באקומט דארף מען דאנקן דעם אויבערשטער, אפילו אויב דער זאך וואס יענער טראגט אן זעהט בכלל נישט אויס פאסיג, ווייל יעדער מאל וואס איינער טראכט פון אייך און רופט אייך אן עפעס אנטראגן איז דאס שוין א חסד ה' אויף וועלכע מען דארף דאנקן.

## קוקן אויף די אייגענע חסרונות און יענעמס מעלות כדי צו קענען ענדיגן א שידוך

איך האב געזעהן פון קאלאשינער רבי זצ"ל אין ספר נהר שלום, ער זאגט אז אסאך מאל קען א מענטש נישט אנקומען צו ענדיגן א שידוך ווייל ער קוקט צו טיעף אריין אין דעם שידוך, און גארנישט איז אים נישט גענוג גוט און גארנישט איז אים נישט פאסיג. דער עצה אויף דעם איז אז מען זאל זיך אביסל אראפלאזן א דרגה און נישט האלטן פון זיך אזוי שטארק, און דעמאלס וועט ער קענען בניקל ענדיגן א שידוך. ער טייטשט מיט דעם די גמרא (בבא מציעא, נ"ט:) איתתך גוצא גחין ותלחוש לה, דאס טייטשט אויב דיין פרוי איז נידעריג בייג דיך אראפ און רעדט צו איר. דאס מיינט צו זאגן אז כדי צו טרעפן א שידוך קען מען נישט נאר קוקן אויף יענעמס חסרונות און די אייגענע מעלות, נאר מען אויך קוקן אויף יענעמס מעלות און אויף די אייגענע חסרונות, און אויב מען טוט אזוי קען מען שנעלער ענדיגן א שידוך.

## א סגולה פונעם הייליגן חידושי הרי"ם זי"ע פון גור צו קענען ענדיגן א שידוך, געדענקען אז נישט אלעס דארף מען וויסן!

איך האב געזעהן נאכברענגען פונעם חידושי הרי"ם זי"ע פון גור, אז איינמאל האט מען אנגעטראגן א שידוך פארן חידושי הרי"ם'ס א

קינד, און דער חידושי הרי"ם האט געשטיפט אז מען זאל ענדיגן דעם שידוך. די רעביצין האט זיך גוט נאכגעפרעגט, און זי איז געוואויר געווארן געוויסע חסרונות ביי די מחותנים. זי איז אריין אל הקודש פנימה צו איר הייליגן מאן, און זי האט גע'טענה'ט אז דער שידוך איז נישט פאסיג לפי כבודה. דער חידושי הרי"ם האט דערקענט אויף די חסרונות אז דאס קומט פון טיעף טיעף אריינגראבן אין יענעמס לעבן, און מען האט געדארפט זייער שטרענג חוקר ודורש זיין זיך צו דערוויסן פון די חסרונות. ער האט איר געענטפערט "אזוי צו נאכקוקן טויג נישט און מען דארף נישט אלעס וויסן, מען דארף טאקע קוקן אבער מען דארף נישט אריינקריכן אין יענעמס".

דער חידושי הרי"ם האט דערציילט פאר די רעביצין: עס איז אמאל געווען א מלמד וועלכע האט זיך פארדינגען פאר א בעל הבית, און ער האט געלערנט תורה מיט יענעמס קינדער, און דער בעל הבית האט אים באצאלט פאר דעם. ער האט געוואוינט ביים בעל הבית אין שטוב במשך פון לאנגע חדשים אין איין צו, און ער איז אהיימגעפארן צו זיין אייגענע משפחה נאר אויף ימים טובים. דער בעל הבית האט באמערקט אז יעדע נאכט גייט דער מלמד ארויס פון שטוב אויף א פאר שעה, און ער איז געווארן זייער נייגעריג צו וויסן וואו אהין דער מלמד גייט ביינאכט. איין טאג האט ער זיך געוואנדן צום מלמד און אים געפרעגט "איך זעה אז דו גייסט ארויס פון שטוב יעדע נאכט אויף אפאר שעה, וואו אהין גייסטו און וואס טוסטו דעמאלס?", דער מלמד האט זיך ארויסגעדרייט און נישט געוואלט ענטפערן דעם שאלה. דער בעל הבית איז אבער נאר געווארן מער און מער נייגעריג, און ער האט כסדר געהאלטן אין איין איבערפרעגן דעם מלמד. איינמאל האט דער מלמד זיך געבראכן און אים געענטפערט "איך לערן קבלה, און איך בין עוסק אין די שיחת חיות ועופות". דער בעל הבית איז געכאפט געווארן אין איבערראשונג נישט האבנדיג געוויסט אז דער מלמד איז א צדיק נסתר, און ער האט געבעטן דעם מלמד "לערן מיך אויך אויס די שיחת חיות ועופות". דער מלמד האט זיך ארויסגעדרייט, און ער האט אים געענטפערט "דאס איז נישט געמאכט פאר יעדעם איינעם און מען דארף אריבער גיין סיגופים און גלגול שלג צו זיין ראוי דערצו". דער בעל הבית האט אבער נישט נאכגעלאזט און געזאגט פארן מלמד "איך בין גרייט צו טוהן אלעס אין די וועלט וואס דו ווערסט מיך הייסן, דער עיקר אז דו זאלסט מיך אויסלערנען די שיחת חיות ועופות!" דער בעל הבית האט געמוטשעט און געמוטשעט ביז דער מלמד האט זיך ווייטער געבראכן, און ער האט מדריך געווען דעם בעל הבית צו טוהן געוויסע סיגופים און נאכדעם האט ער אים אויסגעלערנט די שיחת חיות ועופות. נאך וואס דער מלמד האט אויסגעלערנט פארן בעל הבית די שיחת חיות ועופות האט ער זיך אפגעזאגט פון זיין ארבעט, און ער איז אוועקגעגאנגען ווערן מלמד ביי א צווייטן בעל הבית אין אן אנדערן דארף נישט וועלנדיג מפורסם ווערן דורך זיין געוועזענע בעל הבית.

נישט לאנג שפעטער איז דער ערשטער בעל הבית געפארן טוהן מסחר, און ער האט זיך צוגעהערט ווי די עופות שמועסן אויף אים אז זיין הויז גייט זיך בקרוב פארברענען און ער גייט האבן א אויסערגעווענליכע שאדן. ער האט זיך נישט געפוילט און ער האט זיך צוריקגעדרייט און אהיימגעפארן, און ער האט ארויסגעראטעוועט אלעס וואס ער האט נאר פארמאגט ביי זיך אינדערהיים. נישט לאנג שפעטער האט טאקע אויסגעבראכן א שריפה און פארברענט זיין הויז ממש ביז אש, אבער אלע זיינע טייערע חפצים און געלט זענען געראטעוועט געווארן. א שטיק צייט שפעטער איז ער ווייטער געפארן אויף מסחר, און ער הערט ווייטער ווי די עופות שמועסן אויף אים אז ער גייט בקרוב שטארבן! ער האט זיך זייער דערשראקן וויסענדיג אז זיין לעבן וועט ער נישט קענען ראטעווען אזוי ווי זיינע חפצים און געלט פונעם פייער, און ער האט זיך גענומען פארשן און זוכן וואו דער מלמד האלט זיך אויף די צייטן. נאכן זוכן אפאר וואכן איז ער געוואויר געווארן וואו דער מלמד האלט זיך אויף, און ער איז אריבערגעפארן צום מלמד זיך אויסרעדן איבער וואס עס ווארט אים אפ. ער איז אנגעקומעם צום מלמד און ער האט זיך אויסגעוויינט אז האט נישט לאנג צוריק פארלוירן זיין הויז, און יעצט גייט ער שטארבן רח"ל. דער מלמד האט אים שארף געענטפערט "פארוואס האט דיר אויסגעפעלט זיך צו אויסלערנען די שיחת חיות ועופות?, ווען דו ווייסט ווען נישט פון די עופות איבער דעם שריפה וואלסטו נישט געראטעוועט דיין געלט און טייערע חפצים, און מיט דעם שאדן וואלסטו אפגעקומען דיין חלק. יעצט אז דו האסט געוויסט זאכן וואס דו האסט נישט געדארפט וויסן האסטו זיך אריינגעמישט אין חשבונות שמים, און יעצט איז אויף דיר נגזר געווארן א שווערערע גזר דין ווי ארגינעל!"

דער הייליגער חידושי הרי"ם זי"ע האט אויסגעפירט דעם מעשה און געזאגט: מען זעהט פון די מעשה אז א מענטש דארף נישט אלעס וויסן, און פארן מענטש איז אסאך מאל א טובה א קליינער עגמת נפש וואס ער גייט אדורך, און מיט דעם קומט ער אפ פון צו דארפן האבן גרויסע עגמת נפש!

## מאמע רחל האט געשיקט זייער א קלארע סימן וועלכע שידוך צו טוהן!

עס האט מיר דערציילט הרה"ח דוד בלוי שליט"א וועלכע פירט אהן ר' ישעי'לעס קאך אין בית שמש: מיין רבי דער וויזניצער רבי שליט"א פון בית שמש האט מיך אנגעטראגן א שידוך פאר מיין טאכטער, און איך האב מיך אריינגעלייגט אין דעם ענין. למעשה האט מיך די שידוך געצויגן, אבער דער אנדערער צד האט ארומגעשלעפט און נישט געענטפערט. איך האב געוויסט אז פארן אנדערער צד האט מען אויך אנגעטראגן נאך עפעס א הצעה, און איך האב אנגעהויבן פילן אז דער אנדערע שידוך איז זיי אינטערעסאנטער. ערב ראש חודש אדר א' האב איך באשלאסן אז דער זאך שלעפט זיך שוין זייער לאנג, און איך האב געזאגט פאר מיין טאכטער "איך וויל מיט דיר היינט ארויספארן קיין מירון צו ר' שמעון זאגן יום כיפור קטן, און מתפלל זיין אז דיין באשערטער שידוך זאל בקרוב ובניקל אנקומען". איך האב מיך טאקע אנגעגרייט צו פארן קיין מירון, אבער למעשה האב איך מיך אביסל פארשלעפט מיטן טיילן צו עסן אין ר' ישעי'לעס קאך און איך האב פארשפעטיגט דעם באס פון בית שמש קיין מירון. איך האב געקלערט צו כאפן א באס קיין בני ברק און דארטן נעמען די באס פון בני ברק קיין מירון, אבער למעשה האב איך מיך געמאכט א חשבון אז אויב איך וועל פארן אויף דעם אופן וועל איך שוין אנקומען קיין מירון ביינאכט, און איך וועל שוין נישט קענען דאווענען מנחה מיט יום כיפור קטן. איך האב געקלערט צו נעמען די באן קיין מירון, אבער נאכן מברר זיין בין איך געוואויר געווארן אז די

באן ארבעט נישט היינט. איך גיי אויפן גאס אויפן וועג אהיים פון ר' ישעי'לעס קאך, און א חבר מיינער פארט מיך פארביי מיט זיין קאר, און ער שטעלט זיך אפ נעבן מיר און ער וויל מיך געבן געלט צו טיילן צו עסן פאר עניים אין ר' ישעי'לעס קאך. איך האב מיך געכאפט אז דער חבר ארבעט אין ירושלים און ער פארט יעצט צו די ארבעט, און איך פרעג אים "אפשר קענסטו באשטיין מיך צו נעמען מיט מיין טאכטער צו קבר רחל?" ער האט גערן מסכים געווען צו דעם, און מיר האבן זיך טאקע ארויסגעלאזט אויפן וועג צו קבר רחל. ווען מיר זענען אנגעקומען צו קבר רחל האב איך געזאגט פאר מיין טאכטער "איך גיי יעצט אריין דאווענען מנחה מיט יום כיפור קטן און נאכדעם מעריב, ווען איך ענדיג וועלן מיר זיין בקשר און מיר וועלן נעמען א באס אהיים קיין בית שמש". אפאר מינוט נאכן אריינגיין אינעם בנין פון קבר רחל רופט מיך מיין טאכטער אן, און זי זאגט מיר אזוי שעמעדיגערהייט "טאטי! די פרוי וועמענס זוהן מען טראגט אן פאר מיר שטייט דא נעבן מיר ביים קבר רחל און זי דאווענט דא...". עס איז מיר געווען אן אינטערעסאנטער שטיקל נייעס, און עס האט אויסגעזעהן הימליש אז דער אויבערשטער האט עקסטער געפירט אז איך זאל נישט אנקומען קיין מירון נאר קיין קבר רחל, און יעצט הער איך אז די מאמע פונעם בחור וואס מען טראגט מיך אן איז אויך דא.....

ח' אדר א' איז די שידוך געווארן למזל טוב! ביים שידוך שליסן האט די מחותן'סטע מיך געזאגט "איך האב מיך זייער א לאנגע צייט גע'ישוב'ט איבער דעם שידוך, און איך האב נישט געקענט קומען צו קיין החלטה. מיין מאמע ע"ה איז שוין אוועק פאר צוויי יאר צוריק, און איך האב אנגערופן מיין טאטע זאל זיין געזונט וועלכע וואוינט אין מאנסי, און איך האב מיך אויסגערעדט פאר אים אז איך קען נישט באשליסן וועגן דעם שידוך און איך האב שוין נישט קיין מאמע מיט וועמען זיך אדורכצורעדן. מיין טאטע האט מיך געענטפערט "דו וואוינסט דאך אין ארץ ישראל און דו האסט דאך דארטן די מאמע רחל, פאר אריבער צו קבר רחל און בעט די מאמע רחל אז זי זאל דיר העלפן באשליסן וועלכע שידוך צו טוהן". איך האב געפאלגט מיין טאטע און איך בין אריבערגעפארן צו קבר רחל, און איך האב געזאגט תהילים און איך האב געבעטן "מאמע רחל! דו ביסט מיין מאמע ווייל איך האב נישט קיין אנדערע מאמע, העלף מיך מחליט זיין וועלכע שידוך איך זאל טוהן!" אזוי ווי איך עפן אויף מיינע אויגן נאכן מתפלל זע איך אז נעבן מיך שטייט נישט קיין אנדערע ווי אייער טאכטער די היינטיגע כלה! איך פארשטאנען אז די מאמע רחל האט מיך באלד געענטפערט פוקטליך וועלכע שידוך איך זאל טוהן, און איך האב באלד אויפן וועג אהיים פון קבר רחל אנגערופן דעם שדכן און געמאלדן אז איך בין גרייט צו ענדיגן די שידוך מיט משפחת בלוי"

ר' דוד בלוי ענדיגט די מעשה און זאגט: נאכן הערן די מעשה פון מיין מחותן'סטע האב איך שוין פונקטליך פארשטאנען פארוואס ערב ראש חודש האב איך פארפאסט דעם באס קיין מירון, און פארוואס פונקט דעמאלס האט מיך מיין חבר פון ירושלים אפגעשטעלט צו געבן געלט פאר ר' ישעי'לעס קאך! אלעס האט דער אויבערשטער געפירט בהשגחה פרטית כדי אז מיין מחותן'סטע זאל באקומען א פונקטליכער ענטפער פון מאמע רחל וועלכע שידוך צו טוהן!

טייערע אידן! מיר האבן שוין אסאך גערעדט בענין שידוכים, און מיר האבן שוין עטליכע מאל נאכגעזאגט פונעם בארנובער רב אז חודש אייר איז א זמן פון שידוכים.

## וואס דארף מען נאכקוקן איידער מען טוט א שידוך?

דער ספה"ק כלי יקר שטעלט זיך אויף די גמרא "כלה שעיניה יפות כל גופה אין צריך בדיקה", און ער פרעגט צוויי קושיות. דער ערשטער קושיא איז, אז מען זעהט דאך אז עס זענען דא אסאך מאוס'ע פרויען וועלכע האבן שיינע אויגן, איז פארוואס געבט די גמרא אזא סימן וועלכע איז לכאורה נישט ריכטיג? דער צווייטער קושיא איז, פארוואס האבן חז"ל געגעבן אן עצה צו קוקן אויף די חיצוניות'דיגע שיינקייט פון א פרוי, עס שטייט דאך "שקר החן והבל היופי"? דער כלי יקר ענטפערט אז מען מיינט טאקע נישט אויסערליכע חיצונית'דיגע שיינקייט פון די אויגן, נאר חז"ל געבן אן עצה אז מען זאל בודק זיין אויב די פרוי איז א טוב עין און זי פארגינט א צווייטן, און מען זאל נאכקוקן אויב זי איז א גומלת חסדים. אויב זי האט אן עין יפה פאר אנדערע מענטשן איז זי זיכער א מושלמת אין אלע אנדערע ענינים, און דאס לערנט מען זיך ארויס פון אליעזר עבד אברהם וועלכע האט טאקע נאר נאכגעקוקט אויב רבקה איז א גומלת חסדים און אויב זי האט אן עין טובה פאר א צווייטן.

עס שטייט אין ספה"ק דברי ישראל אין פרשת חיי שרה אויפן פסוק וואס אליעזר האט געזאגט פאר רבקה "הגמיאיני נא מעט מים מכדך", און רש"י זאגט אז אליעזר האט געזעהן אז די וואסער איז ארויפגעקומען אנקעגן איר. פרעגט דער הייליגער דברי ישראל, אויב אליעזר האט געזעהן אז די וואסער איז ארויפגעקומען צו איר האט ער דאך שוין געזעהן אז זי איז א צדקת, פארוואס האט ער נאך נאכגעקוקט אויב זי איז א גומלת חסד? דער הייליגער דברי ישראל ענטפערט, אז די עיקר ראיה אז א פרוי איז א צדקת איז פון מידות טובות און נישט פון קיין מופתים. דערפאר אפילו אז אליעזר האט געזעהן ביי איר הימלישע זאכן איז ער נישט געווען צופרידן מיט דעם אליין, נאר ער האט ספעציעל נאכגעקוקט אויב זי האט מידות טובות!

כ"ק אדמו"ר דער פריערדיגע בעלזער רב זי"ע (מהרי"ד) האט געזוכט א שידוך פאר זיין זוהן הרה"ק שלום רוקח זצ"ל אבד"ק אפטא, און מען האט אים אנגעטראגן גאר א שיינעם שידוך מיט א משפחה מיוחסת. ער האט געשיקט צוויי פון זיינע חשוב'ע דערהויבענע יושבים נאכצוקוקן די מחותנים, און זיי זענען געפארן א ווייטע וועג צו די שטאט פון די מחותנים. ווען די צוויי יושבים זענען אנגעקומען צו די שטאט פון די מחותנים האט מען זיי אויפגענומען מיט גרויס כבוד, און מען האט מיט זיי שוין ארומגעשמועסט בפלפולי דאורייתא, אבער מען האט זיי נישט סערווירט עפעס טועם צו זיין נאכן קומען פון אזא ווייטע וועג. די צוויי יושבים האבן זיך דארטן אויפגעהאלטן א שטיק צייט, און דערנאך זענען זיי צוריק געפארן קיין בעלזא צו איבערגעבן וואס זיי האבן געזעהן. זיי זענען אריין צום פריערדיגער בעלזער רב זי"ע, און זיי האבן אים געגעבן א פונקטליכער באריכט איבער זייער נסיעה בכל פרטיה ודקדוקיה. דער בעלזער רב זי"ע האט זיך מיט אן ערענסטקייט צוגעהערט צו יעדן פרט וואס זיי האבן דערציילט, און ווען זיי האבן אלעס געענדיגט דערציילן האט ער געזאגט "איך בין נישט מסכים צום שידוך, ווייל מיט א משפחה וואס פארשטייט נישט אז ווען אידן קומען צו פארן א ווייטער וועג געבט מען

זיי עפעס איבערצובייסן וויל איך מיך נישט משדך זיין!"

מען זעהט פון די מעשה אז ביים בעלזער רב איז אלע מעלות געווען א טפל צו מידות טובות, און אויב האט געפעלט אביסל אין מידות טובות האט ער שוין גע'פסל'ט א חשובער שידוך.

### ביי א שידוך זאל מען נאכקוקן די יראת שמים

ווען לבן הרשע איז נאכגעלאפן יעקב אבינו האט ער אים געזאגט "הבנות בנותי והבנים בני", כ"ק אדמו"ר האמרי חיים זצ"ל מוויזניץ האט מסביר געווען פשט אין די פסוק, אז נאר אויב די מאמע איז א טאכטער פונעם אויבערשטער "הבנות בנותי" דעמאלס קענען אירע קינדער זיין וואויל און ערליך "והבנים בני" ווייל די ערליכע מאמע וועט גוט אויפציען די קינדער. דער עיקר תפקיד פון מחנך זיין די קינדער ליגט אויף די אידישע מאמע, ווייל זי וואשט זיי אפ די הענט אינדערפרי און זי זאגט מיט זיי מודה אני און זי לערנט זיי אויס צו מאכן ברכות פארן עסן און נאכן עסן. פון די אנדערע זייט איז דער טאטע טרוד על המחיה ועל הכלכלה, און ער האט נישט די צייט און די ישוב הדעת צו אריינשיינען יראת שמים אין די הערצער פון די קינדער. אויב די מאמע וועט נישט אויפוואקסן פול מיט יראת שמים, ווי אזוי וועט זי קענען מגדל זיין אירע קינדער אז זיי זאלן אויפוואקסן יראי שמים? דער אמרי חיים האט אויסגעפירט און געזאגט אז ווען מען פרעגט זיך נאך אויף א מיידל פאר א שידוך, זאל מען מאכן זיכער אז די מיידל איז פול מיט יראת שמים און מיט מידות טובות, און דאס איז דער ערשטער און די וויכטיגסער זאך.

# מיינע עלטערן האבן זוכה געווען צו א דור ישרים מבורך
# בזכות מיין מאמע'ס מסירות נפש פאר שמירת עינים און צניעות!
# פארציילט הרה"ח ר' יצחק שאול פאל שליט"א

טייערע אידן! מיר גרייטן זיך שוין צו קבלת התורה, און מיר שטייען שוין זייער נאנט צום הייליגן יום טוב שבועות. איינע פון די וויכטיגע זאכן וואס א איד מוז האבן כדי צו קענען זוכה זיין צו קבלת התורה סיי פאר זיך און סיי פאר די קינדער איז שמירת עינים.

### אין וועלכע זכות האבן די בנות צלפחד באקומען א באזונדערע פרשה אין די תורה?

עס שטייט אין מדרש רבה אז ווען יוסף הצדיק איז געגאנגען ווערן משנה למלך אין מצרים, האבן די קעניגליכע טעכטער געקוקט אויף אים פון די שפאלטענעס פון די פענסטערס. זיי האבן געווארפן אויף יוסף הצדיק קייטעלעך מיט רינגלעך כדי אז ער זאל אויפהייבן די אויגן און קוקן אויף זיי, אבער יוסף הצדיק האט זיך נישט צוטוהן געמאכט און נישט געקוקט אויף זיי. דער אויבערשטער האט געזאגט צו יוסף הצדיק "דו האסט נישט אויפגעהויבן דיינע אויגן צו קוקן אויף די בנות מלכים, חייך אז איך וועל געבן פאר דיינע טעכטער א באזונדערע פרשה אין די תורה", און בשכר זה האבן די בנות צלפחד - וועלכע זענען געווען אייניקלעך פון יוסף - זוכה געווען צו אן אייגענע פרשה אין די תורה.

### ווי אזוי קען מען זוכה זיין צום אור התורה?

עס שטייט אין מדרש האתמרי אויפן פסוק "עפעפיך ישירו נגדך ועיניך יאירו", טייטשט ער אזוי, אויב א מענטש וועט זיך אפהיטן די אויגן און נישט קוקן וואו מען טאר נישט וועלן זיינע אויגן לייכטן מיטן אור התורה. די עוונות זענען א מסך המבדיל צו קענען קוקן און פארשטיין די הייליגע תורה, און אויב מען קוקט נישט אויף קיין שלעכטע זאכן איז מען זוכה אז די אויגן זאלן זיין באלאכטן אין תורה.

דער ספר דבש השדה שרייבט אויפן פסוק "ראה אנכי נותן לפניכם היום", "ראה" אויב דו וועסט דיך אפהיטן דיין ראייה, "אנכי" די תורה ווערט אנגערופן אנכי ווייל די עשרת הדברות הייבט זיך אן מיט דיווארט אנכי, "נותן לפניכם" אז דער אויבערשטער וועט העלפן אז די אור התורה וועט שיינען אויף אייער פנים.

א בחור איז אמאל געקומען צו הרה"ק יחיאל יהושע זצ"ל מביאלא, און ער האט זיך באקלאגט אז ער געדענקט נישט דאס לערנען, און ער האט פון דעם גרויס עגמת נפש. דער ביאלא רבי זצ"ל האט אים געענטפערט "אויב די וועסט דיך אפהיטן די אויגן און נישט קוקן וואו מען טאר נישט און נישט טראכטן וואס מען טאר נישט, דעמאלס וועסטו זוכה זיין צו געדענקען דאס לערנען. דער פסוק זאגט "ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם וגו' למען תזכרו וגו', אויב איז מען מקיים דער ערשטן חלק פון "ולא תתורו וגו'" איז מען נאכדעם זוכה צום המשך הפסוק "למען תזכרו וגו'".

### מיינע עלטערן האבן זוכה געווען צו א דור ישרים מבורך בזכות מיין מאמע'ס מסירות נפש פאר שמירת עינים און צניעות!

עס האט מיר דערציילט הרה"ח יצחק שאול פאל שליט"א: מיינע עלטערן - מיין טאטע זאל זיין געזונט און להבחל"ח מיין מאמע ע"ה - זענען זייער וואוילע אידן יראים ושלמים אבער בעלי בתים און פשוטע אידן, און זיי האבן זוכה געווען צו גאר חשובע קינדער און אייניקלעך וועלכע האבן מסיים געווען ש"ס און זענען גאר גרויסע תלמידי חכמים. עס איז אונז אלעמאל געווען א וואונדער אין וועלכע זכות זיי האבן זוכה געווען צו דעם, אבער מיר האבן דאך נישט געוואוסט אלע מיינע עלטערן'ס באהאלטענע מצוות. לעצטענס איז דער מיסטעריע אויפגעדעקט געווארן, און מיר האבן אויסגעפונען דעם גרויסן סוד.

פאר זעכציג יאר צוריק איז מיין מאמע ע"ה געווען א זעכצן יעריגער מיידל און זי האט געענדיגט די שולע יארן, און זי האט געזוכט א ערליכע כשרע ארבעט זיך צו האלטן פארנומען און אריינצוברענגען אפאר דאללער אין שטוב. מיין מאמע האט געוואוינט אין די שטאט, און מען האט איר אנגעטראגן צו ווערן א געהילף פאר א אידישע קינדער געבענטשטע משפחה אין מאנסי וועלכע איז בימים ההם געווען ממש א מדבר שממה. זי האט זיך אינטערעסירט איבער די ארבעט, און נאכן מחליט זיין אז די ארבעט זעהט אויס צו זיין אינטערעסאנט האט זי זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג קיין מאנסי. ווען זי איז אנגעקומען קיין מאנסי איז שוין געווען נאכט, און זי האט אריינגעקלאפט צום שטוב ביי וועלכע זי האט געדארפט אנהייבן איר נייע ארבעט. מען האט איר געעפענט דעם טיר און זי איז אריין אין שטוב, און באלד אויפן ערשטן בליק האט זי געזעהן אז עס איז דא א טעלעוויזיע אינעם שטוב. זי האט נישט געטראכט קיין צוויי מאל און זי איז באלד ארויסגעגאנגען פונעם שטוב, זי האט געטראכט "איך קען נישט וויילן קיין איין מינוט אין א שטוב אין וועלכע עס איז דא א טעלעוויזיע. דער בעל הבית איז ארויסגעקומען אינדערויסן און איר געפרעגט "פארוואס ביסטו ארויס פונעם שטוב?", און זי האט אים געענטפערט "ווייל איך קען נישט וויילן אין א שטוב אין וועלכע עס איז דא א טעלעוויזיע אפילו נישט פאר איין מינוט!" דער בעל הבית האט זיך געזארגט און איר געפרעגט "מאנסי איז דאך א מדבר שממה, וואו וועסטו יעצט גיין?", אבער זי האט זיך נישט געלאזט און געענטפערט "איך ווייס נישט וואו איך גיי". ער האט זיך געבעטן ביי איר "קום אריין שלאף איבער די נאכט ביי מיר, און מארגן וועסטו נעמען דעם באס צוריק אריין אין שטאט", אבער מיין מאמע האט נישט געוואלט הערן פון אזא זאך און דאס קאטעגאריש אפגעווארפן.

דער בעל הבית איז געווען א בעל אחריות, און ער איז נישט געווען מסוגל צו לאזן א זעכצן יעריגער מיידל אליינס אין א מדבר שממה, און ער האט זיך געזארגט פאר איר וואוילזיין. ער האט געהאט א נאנטער חבר וועלכע האט געוואוינט אין סקווירא הרה"ח מיכל דירענפעלד ז"ל, און ער האט אים אנגערופן פרעגן "וואס קען איך דא טוהן מיט די מיידל, זי עקשן'ט זיך אז זי קומט נישט אריין צו מיר אין שטוב, און איך האב מורא איר צו לאזן אליין אין די מאנסי'ע פוסטע וויסטע גאסן". ר' מיכל דירענפעלד ז"ל האט געענטפערט דעם בעל הבית "איך האב אויך א שטוב מיט קינדער, איך קום איר אויפפיקן און זי וועט זיין די געהילף ביי מיר אין שטוב". ר' מיכל ז"ל איז טאקע באלד אריבערגעקומען קיין מאנסי און אויפגעפיקט מיין מאמע ע"ה, און ער האט איר גענומען קיין סקווירא און זי האט געארבעט פאר אים אפאר חדשים.

מיין טאטע זאל זיין געזונט איז געווען אן עלטערע בחור און ער איז געווען אין סקווירא, און נאך צוויי חדשים פון ווען מיין מאמע ע"ה איז אנגעקומען קיין סקווירא איז איינגעפאלן פאר ר' מיכל דירענפעלד ז"ל אז מען קען טוהן א שידוך צווישן מיין טאטע שליט"א און להבחל"ח מיין מאמע ע"ה. די שידוך איז געווארן למזל טוב, און מען האט זיך געגרייט צו אפרעכטן די חתונה. מיין מאמע ע"ה האט זיך געהאט אנגעגרייט א שייטל אנצוטוהן נאכן חופה, אבער נאך די חופה האט זי באקומען א מודעה אז מיין טאטע שליט"א - דער חתן - בעט אז זי זאל גיין אראפגעבינדן און נישט מיט קיין שייטל. עס איז געווען די ערשטע מאל וואס זי האט געהערט אזא באגריף ווי אראפגעבינדן און מען האט איר דאס געדארפט מסביר זיין, און ווען זי האט געפרעגט פארוואס די חתן וויל אז זי זאל אזוי גיין אנגעטוהן האט מען איר געענטפערט אז דאס איז א סגולה פאר גוטע קינדער. מיין מאמע ע"ה האט געהערט איין ווארט אז נישט גיין א שייטל איז א סגולה פאר גוטע קינדער, און זי האט באלד מסכים געווען צו אוועקלייגן די שייטל און גיין אראפגעבינדן.

נאכן הערן די צוויי מעשיות, אז זי האט נישט געוואלט וויילן קיין איין מינוט אין איין הויז מיט א טעלעוויזיע אפילו אז דאס האט געמיינט בלייבן אליין אין א מדבר שממה צוליב שמירת עינים, און אז זי האט מסכים געווען צו גיין אראפגעבינדן אפילו אז דאס איז געווען דאס ערשטע מאל אין איר לעבן וואס זי האט געהערט פון אזא מושג צוליב צניעות, האבן מיר שוין אביסל פארשטאנען ווי אזוי אזעלכע פשוטע אידן האבן זוכה געווען צו אזא דור ישרים מבורך!

# סיפורי צדיקים

כ"ט אייר איז די יארצייט פון דער **הייליגער ר' מאיר'ל פרעמישלאנער** זי"ע.

## ▪ דער חקל יצחק זי"ע האט פארציילט

אז ווען ר' מאיר'ל פרעמישלאנער האט געוואלט ממשיך זיין א ישועה פאר אידן, האט ער געזאגט ביים טיש תורה, וואס ער האט אריינגעקוועטשט אין די פסוק אויף א דוחק, כדי ארויסצוקוועטשן א ישועה.

איז אמאל געווען דארט איינער פון די מסובים, א גרויסער תלמיד חכם, וואס ס'איז אים שווער געווען פארוואס דארף דער רבי אזוי אריינקוועטשן א פשט אין פסוק? זאל דער רבי בענטשן כפשוטו, ישועות און ברכות?

ר' מאיר'ל פרעמישלאנער האט עס משיג געווען, האט ער געזאגט, אז ס'שטייט אין שולחן ערוך אז אויב מ'זעט א טאטע טוט נישט ריכטיג, טאר מען נישט זאגן: "דו האסט עובר געווען אויף דברי תורה", נאר מ'זאגט אים: "טאטע, אזוי שטייט אין די תורה", און ער וועט שוין פארשטיין.

דער אויבערשטער איז דאך אונזער טאטע, טאר מען אים נישט זאגן אז ער דארף טון אנדערש ווי ער האט געטון, נאר וואס דען, מ'לערנט אריין די ברכות אין פסוק, און נאכדעם זאגט מען פארן טאטן: "טאטע, אזוי שטייט אין די תורה".

## ▪ דער דברי ישראל האט פארציילט

אז אמאל איז געקומען ר' מאיר'ל פרעמישלאנער א איד, און געבעטן געלט פאר הכנסת כלה פאר זיין עלטערע טאכטער. האט ער געענטפערט: "איך וועל דיר געבן א 'קדחת'." האט ער זיך געוואונדערט, וואס איז דאס, דער רבי וועט מיר געבן א קדחת, ס'מיינט דאך א מכה?

פלוצלינג איז אנגעקומען אן עושר וואס האט געהאט די מחלה פון קדחת רח"ל. האט ער געהייסן דער עושר זאל געבן געלט פאר די כלה, און אזוי וועט ער אויסגעהיילט ווערן. דאס האט ער געמיינט צו זאגן: "איך וועל דיר געבן א קדחת", איך וועל דיר שאפן א איד וואס דארף האבן א רפואה, און אזוי וועסטו אויך געהאלפן ווערן.

א איד איז געקומען צו ר' מאיר'ל פרעמישלאנער, און געזאגט אז ער ארבעט מיט פעל - עורות, און די פרייז פון די פעל איז געווארן זייער ביליג, און ער האט געהאט אסאך שאדן, האט ער זיך אויסגעוויינט אז ער זאל אים בענטשן מיט א ברכה, אז די פעל זאל צוריק טייער ווערן.

האט ר' מאיר'ל פרעמישלאנער געזאגט: "דארפסט זיך נישט זארגן, די פעל וועט ווערן צוריק טייער". ער האט געזאגט אז ס'שטייט אין פסוק 'ליהודים היתה אורה', 'אורה' איז די זעלבע אותיות, און די אל"ף האט ער געטוישט מיט די עי"ן, 'ליהודים היתה עורה', פאר אידן איז געווארן, אז זיי האבן געהאנדלט מיט פעל, 'ושמחה וששון', זיי דארפן דאך זיין בשמחה, אבער וויאזוי קען מען זיין בשמחה? 'ויקר', אז די עורות, די פעל וועלן ווערן טייערער, אזוי וועט ווערן ששון.

אזוי איז טאקע געווען, די פעל איז געווארן טייערער, און ער האט פארדינט אסאך געלט.

## ▪ ר' שמואל סלאנימער - דער דברי שמואל, האט פארציילט

אז ר' מאיר'ל פרעמישלאנער איז אמאל אריינגעקומען שפעט צום טיש. האט ער געזאגט: "מאיר'ל האט נישט געקענט אריינגיין צום טיש, וויל ער גייט נישט אריין צום טיש ביז ער קוקט אדורך אלע מענטשן, און ער טרעפט אז ער איז דער ערגסטער, אבער יעצט האט ער געזען אז ס'איז געקומען א מענטש, וואס ער האט בשום אופן נישט געקענט טרעפן אז מאיר'ל זאל זיין ערגער פון אים".

צום סוף האט ער געטראכט, 'אז מאיר'ל איז ערגער, וויל ווען ער וואלט חס ושלום געהאלטן ווי יענעם, וואלט ער נישט געקומען צו מאיר'ל, און יענער, אפילו ער האט געהאלטן אין אזא נידריגע מדריגה, איז ער געקומען צו מאיר'ל', און אזוי איז ער אריין צום טיש.

## ▪ ס'האט דערציילט ר' אלחנן היילפרין

אז דער איידעם פונעם שינאווער רב, ר' נפתלי רובין, איז געווען רב אין ווישניצא, און מ'האט אים גענומען אין מיליטער. וויפיל מ'האט פראבירט משתדל צו זיין האט מען נישט געקענט, וויל צווישן די פירערס פון די מיליטער איז געווען איינער וואס האט געהייסן פראנק, וואס ער איז געווען דער בעל הבית פון א געוויסע קאווע, וואס דער שינאווער רב האט נישט געוואלט געבן א 'הכשר' אויף דעם, ממילא אלס א נקמה האט ער נישט געלאזט באפרייען דער איידעם פונעם שינאווער רב.

מ'האט פראבירט און זיך געבעטן ביים שינאווער רב, אז אויב קען מען נישט בדרך הטבע, זאל ער מאכן א ישועה שלא כדרך הטבע. אבער דער שינאווער רב האט נישט געוואלט.

ביז איינמאל איז דער איידעם אהיימגעקומען, ער איז געגאנגען אנגעטון מיט מיליטערישע קליידער, און ער איז געווען מורא'דיג איבערגענומען אז ער האט ממש גע'חלש'ט.

דעמאלס האט מען אנגעהויבן טון פאר אים, און דעמאלס איז ער באפרייט געווארן.

האט דער שינאווער רב געזאגט, פארוואס ער האט נישט געוואלט לכתחילה אריינגיין אין דעם, וויל ער האט אמאל געוואלט פארן צו ר' מאיר'ל פרעמישלאנער, אבער וויל ער האט געהאט מקבל מרות געווען פון דער ערשטער בעלזער רב, האט ער מורא געהאט אז ער וועט האבן אן הקפדה אויף אים. איז ער געגאנגען פרעגן דער ערשטער בעלזער רב צו ער קען פארן צו ר' מאיר'ל, האט אים דער בעלזער רב געזאגט: "קענען דארף מען אלע צדיקים".

איז ער געפארן קיין פרעמישלאן, און ר' מאיר'ל איז שוין געווען אויף די עלטער, און ער האט שוין נישט אויפגענומען קיין מענטשן, ער איז געזעסן אונטער א פורהאנג, אויסגעדרייט צו די וואנט. פלוצלינג האט ער געזאגט: "יונגערמאן, זאלסט וויסן, משיח וועט נישט קומען אין זכות פון די ספאדיקעס [דאס מיינט בזכות פון די רבי'ס], נאר בזכות פון די יודישע זעלנער". האט דער שינאווער רב פארשטאנען אז ר' מאיר'ל פרעמישלאנער מיינט אים, ממילא האט ער נישט געוואלט מבטל זיין די גזירה, און נאר שפעטער האט ער עס מבטל געווען.

זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, דער אויבערשטער זאל העלפן בזכות דער גרויסער ר' שלום זאל מען האבן א פרייליכן שבת.

א פרייליכן שבת